**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט 2.9 מיליאן דאלאר אין גרענטס צו העלפן לאקאלע רעגירונגען רעדוצירן קאסטן**

***גרענטס דורך דעם 'לאקאלע רעגירונג שפארזאמקייט גרענט' פראגראם וועלן פינאנצירן זיבן פראיעקטן אריבער די סטעיט צו פארשנעלערן אפעראציעס און נאך מער באשיצן שטייער-באצאלנדע בירגער***

***עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אריין 3.9 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע רעגירונג שפארזאמקייט גרענטס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז $2,884,500 אין גרענט פינאנצירונג ווערט געגעבן פאר קאונטיס און לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט צו פינאנצירן זיבן פראיעקטן וועלכע רעדוצירן רעגירונג קאסטן דורכן צוזאמבערענגען אנדערע רעגירונגען צו נוצן סערוויסעס צוזאמען אדער מיט אנדערע וועגן צו איינשפארן פון אינעווייניג. אלץ טייל פון דעם יערליכן 'לאקאלע רעגירונג שפארזאמקייט גרענט' (Local Government Efficiency Grant, LGEG) פראגראם פאר וועלכע לאקאלע רעגירונגען דארפן זיך פארמעסטן, וועלן פינף פון די גרענטס צושטעלן געלט צו צוריקצאלן פאר קאסטן וועלכע קומען פון דאס איינפירונג, און די אנדערע צוויי גרענטס וועלן העלפן מיט פלאנירונג פראיעקטן. [די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 זעצט פאר צו צושטעלן וויכטיגע לאקאלע רעגירונג הילף](), אריינרעכענענדיג 3.9 מיליאן דאלאר פאר די פארמעסטנדע לאקאלע רעגירונג שפארזאמקייט גרענטס.

"האבנדיג געדינט אין לאקאלע רעגירונג פאר איבער צען יאר, ווייס איך וואס לאקאלע רעגירונגען דארפן צו רעדוצירן קאסטן און ברענגען פראיעקטן צו פארענדיגט ווערן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענטס וועלן העלפן פארשנעלערן לאקאלע רעגירונג פראיעקטן און סערוויסעס, דינענדיג בעסער ניו יארקער דורכן זיך האלטן איינגעצויגן און שפארזאם, בשעת'ן בויען מער בליהענדע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "אונזער לאקאלע רעגירונג שפארזאמקייט גרענט פראגראם איז א נוצבארע כלי פאר ניו יארק'ס קאונטיס און לאקאלע רעגירונגען וועלכע זוכן הילף צו איינפירן פאראנטווארטליכע, געלט-שפארנדע מאסנאמען. די קריטישע געלטער וועלן העלפן אונזערע שותפים איינפירן וויכטיגע פראיעקטן וועלכע וועלן איינשפארן און מאכן מער גלאט אפעראציעס אין זייערע קאמיוניטיס, איינשפארנדיג דערמיט שטייער דאלארן."

די אויסגעוועהלטע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **וואשינגטאן קאונטי - מיטגעטיילטע הייוועי איינריכטונג - $400,000**

וואשינגטאן קאונטי און די טאַון אָוו פאָרט ען וועלן אונטערנעמען א $10,140,980 פראיעקט צו אויפבויען א מיטגעטיילטע דעפארטמענט פון פובליק ארבעט (Department of Public Works) סטארעדזש איינריכטונג צו ערזעצן צוויי פאריגע איינריכטונגען פון די שכנות'דיגע קאונטי און טאון. די נייע ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וועט ערלויבן צו בעסער צושטעלן סערוויסעס, מיטטיילן עקוויפמענט און געביידעס וועלכע נידערן אראפ אדמיניסטראטיווע אויסגאבן.

- **טאון אָוו דעריען - ראיאנישע אפלויף וואסער רייניגונג - $600,000**
די טאון וועט אויפבויען א נייע 'פאָרס מעין' און פאמפ סטאנציע ערלויבנדיג צו פירן אפלויף וואסער צו די קאָרפוּ/פעמבראָוק מיטגעטיילטע אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג. דער $4,781,000 פראיעקט וועט רעדוצירן לאנג-טערמיניגע אפעראציע און אויפהאלטונג קאסטן פאר פארמישטע שותפים.

- **אָנטאַריאו קאונטי - מולטי-מוניציפאלע עלעקטראנישע קאנטראקט פארוואלטונג סיסטעם - $990,000**
דער $1,100,000 פראיעקט וועט אריבערפירן 23 לאקאלע רעגירונג קערפערשאפטן צו איין 'קלאַוד'-באזירטע עלעקטראנישע קאנטראקט פארוואלטונג סיסטעם. די ווירקזאמקייט מאסנאם וועט ערלויבן צוקונפטיגע צוזאמענארבעט און אריינברענגען סטאנדארטן צווישן לאקאלע רעגירונגען, פירמעס און אינשורענס פירמעס.

- **ליווינגסטאן קאונטי וואסער און וואסער אפלויף אויטאריטעט - מיטגעטיילטע אינפראסטרוקטור אויפהאלטונג - $650,000**
די ליווינגסטאן קאונטי וואסער און וואסער אפלויף אויטאריטעט וועט אפקויפן די וואקום טראָק, מאכנדיג אז עס זאל זיין צו באקומען פאר אלע באטייליגטע קאמיוניטיס וועלכע גייען אריין אין אן אפמאך מיט די אויטאריטעט. די טראָק וועט פארבעסערן אפעראציעס אין ארטיגע וואסער, וואסער אפלויף און שטורעם וואסער סיסטעמען.

- **טאון אָוו עלמא - עלמא מעדאַוס אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג צוזאמשטעלונג - $400,000**
דער פראיעקט איז א באמיאונג פון $5,400,000 צווישן די טאַון אָוו עלמא און די איראָקוואַ צענטראל סקול דיסטריקט צו מאדערניזירן און צוזאמשטעלן צוויי עקזיסטירנדע אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען. דער פראיעקט רעכנט אריין די קאנסטרוקציע פון א צוזאמגעשטעלטע איינריכטונג ביי די עקזיסטירנדע לאקאציע פון די היי סקול'ס אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג.

- **טאַון אָוו לעסטער - פייער און EMS סערוויסעס שטודיע - $19,500**
די טאון און ווילעדזש אָוו לעסטער וועלן דורכפירן אן אפשאצונג פון די שטאפל און סארטן פייערן און EMS סערוויסעס וועלכע ווערן יעצט צוגעשטעלט אונטער קאנטראקט מיט די לעסטער פייער דעפארטמענט און די קיילערוויל פייער דעפארטמענט. עס וועט שטיצן אן אנאליז איבער ווי גוט פאטענציאלע אלטערנאטיוון פאר סערוויסעס וואלטן געארבעט, אריינרעכענענדיג צו צוזאמשטעלן די צוויי פייער דעפארטמענטס און די מעגליכע שאפונג פון איין געמיינזאמע פייער דיסטריקט.

- **קעזענאָוויע צענטראל סקול דיסטריקט - מיטגעטיילטע הייוועי גאראזש און עלעקטראנישע קארן טשארדזשינג אינפראסטרוקטור - $25,000**
קעזענאָוויע צענטראל סקול דיסטריקט, די טאַונס אָוו נעלסאן און קעזענאָוויע און די ווילעדזש אָוו קעזענאָוויע וועלן אונטערנעמען א שטודיע פון $50,000 צו אויספארשן געלעגנהייטן צו

צוזאמשטעלן באסעס און הייוועי גאראזש אינפראסטרוקטור און מיטלען. אין צוגאב וועט די שטודיע איבערקוקן ווי מעגליך עס איז צו אויפשטעלן געמיינזאמע עלעקטראנישע קארן טשארדזשינג אינפראסטרוקטור.

די זיבן גרענטס זענען אויסדערוועהלט געווארן ארויס פון 20 אפליקאנטן פאר די LGEG 2022 געלטער. אפליקאציעס זענען איינגעגעבן געווארן דורך די סטעיט'ס צוזאמגעשטעלטע פינאנצירונג אפליקאציע (Consolidated Funding Application, CFA) פראצעדור, און יעדע איינס האט באקומען א צייכן באזירט אויף פארשידענע קריטעריאנען, אריינרעכנענדיג — אבער נישט נאר:

- וויפיל די אינוועסטירונג וועט זיך צוריקצאלן פאר שטייער-באצאלנדע בירגער
- פארנעם פון פראיעקט
- ברייטקייט
- גרייטקייט פון לאקאלע רעגירונג
- צוזאמענארבעט מיט די פובליק
- ארבעט'ס פלאן
- בודזשעט איינצלהייטן

אין צוגאב, אונטער די LGEG אנווייזונגען מוזן אפליקאציעס אריינרעכענען צום ווייניגסטנס צוויי בארעכטיגטע לאקאלע רעגירונג קערפערשאפטן.

LGEG גרענט אפליקאציעס קענען אריינפאלן אונטער צוויי קאטעגאריעס: איינפירונג גרענטס אדער פלאנירונג גרענטס. איינפירונג גרענטס קענען גיבן פאר לאקאלע רעגירונגען ביז אזויפיל ווי $200,000 פאר יעדע פארמישטע לאקאלע רעגירונג, מיט א מאקסימום סומע אין סך הכל פון ביז $1,000,000. פאר איינפירונג גרענטס איז די מינימאלע סומע וויפיל די לאקאלע אויטאריטעטן דארפן אליין צאלן 10%. פאר פלאנירונג גרענטס קענען די פראיעקטן באקומען ביז אזויפיל ווי $12,500 פאר יעדע לאקאלע רעגירונג וואס באטייליגט זיך, מיט די מאקסימום קאסטן פון דעם פראיעקט נישט איבערשטייגנדיג $100,000. פאר די גרענט איז די מינימאלע סומע וויפיל די לאקאלע אויטאריטעטן דארפן אליין צאלן $50,000 פון די פראיעקט פלאנירונג קאסטן.

דער LGEG גרענט פראגראם איז בלויז איינס פון די גרענט פראגראמען וועלכע ווערן פארטיילט דורך די דיוויזיע פון לאקאלע רעגירונג סערוויסעס (Division of Local Government Services) אין די סטעיט דעפארטמענט. די דיוויזיע גיבט טעכנישע הילף און פארמעסטערישע גרענטס צו ארטיגע רעגירונגען. פאר מער אינפארמאציע איבער LGEG אדער סיי וועלכע פראגראמען וועלכע ווערן אנגעפירט דורך די דיוויזיע, פארבינדט אייך ביטע מיט localgov@dos.ny.gov אדער רופט 518-473-3355.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן